# ס׳האָט, מלכה׳לע, דער קאַרשנבוים

ס׳האָט, מלכה׳לע, דער קאַרשנבוים
אין גאָרטן זיך צעבליט —
איך ווייס, דער אַלטער קאַרשנבוים
וויל ווערן היינט אַ ליד.

איך עפן אויף דאָס פענסטער שטיל
און זע — אַ פויגל פליט —
איך ווייס דער פויגל צו דער זון
וויל ווערן היינט אַ ליד.

איך הויב די אויגן אויף און זע
אַ זילבער־וואָלקן ציט —
און ווייס, דער וואָלקן ביי דער זון
וויל ווערן היינט אַ ליד.

און אַלץ וואָס אָטעמט, לאַכט און בליט,
דער פויגל און דער ווינט,
דער בלינדער בעטלער אויפן ראָג,
די מאַמע און דאָס קינד,

דער קוימענקערער אויפן דאַך,
דער אַלטער מילעך־ייד,
דאָס בלומען־מיידל אויפן מאַרק
— זיי ווילן ווערן ליד.

די פען אין טינטער פיבערט, · וואַרט
און ציט זיך צו מײַן האַנט —
און איך — איך טראַכט איצט וועגן דיר
דאָרט אין דעם ווײַטן לאַנד.

איך זע דיך בײַ דער נײַ=מאַשין,
אַ חלום אויף דער וואָר,
און ס׳בליצט אַ גאָלדענע פאַסמע זון
אין דײַנע שוואַרצע האָר.

אין פענסטער שטייט דער בלומענטאָפ,
צוויי נעלקן און אַ רויז —
און מײַן בענקשאַפט בײַ דײַן שוועל
טוט די סאַנדאַלן אויס.

זי גייט צו דיר אַרײַן אין שטוב
מיט שטילע, פרומע טריט
און, מלכה׳לע די שיינע, זע —
דו ביזט געוואָרן ליד.